# וואס ניו יארקער דארפן וויסן וועגן קאָוויד-19 וואַקסינען

**קאָוויד-19 וואַקסינען זענען יעצט דא צו באקומען פאר אלע ניו יארקער פון 16 יאר אלט און העכער.**

**קאָוויד-19 וואַקסינען זענען זיכער און ווירקזאם.** די וואַקסינען זענען אריבערגעגאנגען ברייטע קלינישע שטודיעס וואס האבן אויפגעוויזן אז זיי זענען זייער ווירקזאם ביים באשיצן מענטשן פון ערנסטע קאָוויד-19 קראנקייט, האספיטאליזאציע און טויט ל"ע.

**קאָוויד-19 וואַקסינען ווערן צוגעשטעלט פאר אייך אומזיסט.** אינשורענס אדער איבערגעבן אימיגראציע סטאטוס איז נישט געפאדערט.

**טרעפט א פלאץ צו ווערן וואַקסינירט.** באזוכט nyc.gov/vaccinefinder, אדער רופט 877-829-4692 פאר א וואַקסין אפוינטמענט ביי א פלאץ וואס ווערט אנגעפירט דורך די סיטי.

**איר וועט מעגליך האבן אביסל זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס).** אפטע זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס) רעכענען אריין ווייטאג אין די ארעם, קאפווי, ווייטאגן אין די גוף, מידקייט און פיבער.

**זייט ווייטער געווארנט.** וואַקסינען באשיצן אייך, אבער מיר האלטן נאך אינמיטן לערנען וויאזוי זיי זענען משפיע אויף די פארשפרייטונג פון די ווירוס. גייט ווייטער אן צו בלייבן אינדערהיים אויב איר שפירט זיך נישט גוט, שטייט זעקס פיס ווייט פון אנדערע, טוט אן א פנים צודעק ווי עס דארף צו זיין און וואשט אפט אייערע הענט.

באזוכט nyc.gov/vaccinefinder אדער רופט 877-829-4692 צו טרעפן א וואַקסין אפוינטמענט.

NYC VACCINE FOR ALL: SAFE, FREE, EASY

NYC Health

4.6.21

Yiddish